# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:14
מוצאי שב"ק..................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................משלי כ"ג-כ"ד
בבלי...........................נדה ל"ח
ירושלמי...................שבת פ"ח
תוספתא......................חולין ב'
רמב"ם......................מכירה ט'

פרשת תולדות, ב' כסלו, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 10 (424)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בָּבָא בַּתְרָא י): "יוֹסֵף בְּרֵיהּ דְר' יְהוֹשֻׁעַ חָלַשׁ", יוֹסֵף דֶער זוּן פוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט, "אִינְגִיד", אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, "אָמַר לֵיהּ אָבוּהָ: מַאי חָזִית?" וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעוֶועקְט, פְרֶעגְט אִים זַיין טַאטֶע: וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען דָארְט אוֹיבְן אִין הִימְל? "אָמַר לֵיהּ עוֹלָם הָפוּךְ רָאִיתִי, עֶלְיוֹנִים לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים לְמַעְלָה", זָאגְט עֶר: אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ פַארְקֶערְטֶע וֶועלְט; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען חָשׁוּב דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶענֶען אוֹיבְן נִישְׁט חָשׁוּב, אוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען דָא נִישְׁט חָשׁוּב זֶענֶען אוֹיבְן יָא חָשׁוּב "אָמַר לֵיהּ: עוֹלָם בָּרוּר רָאִיתָ", זָאגְט אִים זַיין טַאטֶע: דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעזֶען אַ פַארְקֶערְטֶע וֶועלְט, דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַ שֵׁיינֶע וֶועלְט, אַן אֱמֶת'ע וֶועלְט; וַוייל אוֹיבְן קוּקְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט גֶעלְט, אוֹיבְן קוּקְט מֶען וֶוער עֶס קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

זֶע צוּ גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוְונֶען מִיט מִנְיָן; מוֹהַרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן "אַז מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן (גֶעלְט)". אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין מִנְיָנִים, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוְונֶען נָאר אִין שׁוּל, וַוייל אִין שׁוּל דַאוְונְט מֶען וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן צ, סְעִיף ט), אַז מֶען זָאל דַאוְונֶען אִין שׁוּל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לו): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּית הַכְּנֶסֶת, וְאֵינוֹ נִכְנָס לְשָׁם לְהִתְפַּלֵּל, גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו", וֶוער עֶס הָאט שׁוּל אִין זַיין שְׁטָאט אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוְונֶען בְּרֶענְגְט עֶר אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן דַארְפְן גֵיין אִין גָלוּת; דָאס אִיז אַ מַאֲמַר חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח.), לִכְאוֹרָה, וָואס הָאט צוּ טוּן אַז אִיךְ גֵיי אִין שׁוּל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט גֵיין אִין גָלוּת? נָאר מֶען קֶען זָאגְן אַ פָּשׁוּט'עֶר טַעַם, אַז דִי קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, אוּן אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין טַאטֶע וָואס אִיז זֵיי מְחַנֵּךְ אוּן גֵייט מִיט זֵיי דַאוְונֶען וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ גָלוּת לֶעבְּן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין דִי גַאסְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִין הִימְל קוּקְט מֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וִוי מֶען קוּקְט דָא; ר' נָתָן פְלֶעגְט חַזְרְ'ן דֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב ג, יט): "קָטֹן וְגָדוֹל שָׁם הוּא", דָארְט וֶועט מֶען וִויסְן וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלֵיין. מֶען זֶעט אַמָאל אַז עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ דָא מִיט אֵיינֶעם, מֶען קֶען מֵיינֶען וֶוער וֵייסְט וָואס יֶענֶער אִיז, אָבֶער אוֹיבְן אִין הִימְל וֵייסְט מֶען נִיטְאָמָאל פוּן יֶענֶעם, אַמָאל פַארְקֶערְט אוֹיךְ, עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֵיינֶער וֵייסְט נִישְׁט פוּן אִים, מֶען מַאכְט נִישְׁט פוּן אִים קַיין בְּרַאטְל, אוּן אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז יֶענֶער זֵייעֶר חָשׁוּב, וַוייל עֶר גֵייט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוְונֶען אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְצֵיילְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אִים, דָאס אִיז חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶערְפַאר הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט "עוֹלָם בָּרוּר רָאִיתָ", אַ שֵׁיינֶע וֶועלְט, אַ אֱמֶת'עֶר וֶועלְט - הָאסְטוּ גֶעזֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר, שְׁטַארְק דִיר אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ פְּרוּבִּירְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן דוּ פַאלְסְט צוּרִיק וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז אַלֶעס נָאר בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשע"ח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דוּ קֶענְסְט אַלֵיין?

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּ מוֹהַרָא"שׁ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קֻשְׁיָא אוֹיפְ'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע בַּעֲלֵי גַאֲוָה וָואס זֵיי וִוילְן נִישְׁט גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, זֵיי טַעֲנָה'ן אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז דֶער צַדִּיק זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זֵיי, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס אַז זֵיי קֶענֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהַרָא"שׁ אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, פַארְוָואס רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן אַ "בַּעַל גַאֲוָה" אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז עֶר קֶען אַלֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין?

מוֹהַרָא"שׁ הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אוּן דַארְף אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ אָבֶער גֵייט מֶען נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ טַאקֶע שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען עֶס וֶועט אָבֶער אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁטִיק צַייט וֶועט עֶר פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט, אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף

<<<<<<

## א גוט ווארט

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען אַן הַלְוָאָה וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכב): "וּמוּטָב שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב לְעַצְמוֹ אוֹ לִבְנֵי בֵּיתוֹ בְּמַלְבּוּשִׁים מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב לְהַחֶנְוָנִי אוֹ לַאֲחֵרִים", אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ אַלֵיין וִוי צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר אַ צְוֵוייטְן; אַז דוּ דַארְפְסְט יֶעצְט הָאבְּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען אַן הַלְוָאָה נָאר זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט וֶועסְטוּ בִּיז אַפָּאר טֶעג מַאכְן דִי גַאנְצֶע סְכוּם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תש"פ)

# אַ בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

## דו עקלסט דיך פונעם וואָרט "צניעות"

בעזרת ה' יתברך

ערב שבת קודש פרשת וירא, י"ז חשון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

איך פאַרשטיי דיר אַז דו האָסט נישט ליב "צניעות" און דו עקלסט זיך דערפון, היות דו ביסט אויפגעוואַקסן אין אַ שטוב וואו מען האָט געפייניגט פאַר צניעות, געשלאָגן פאַר צניעות און גע'רודפ'ט פאַר צניעות, אַז עס איז דיר פשוט נמאס געוואָרן דאָס וואָרט "צניעות"; עס קלינגט דיר אין קאָפּ די שרעקעדיגע וואָרט: "צניעות, צניעות, צניעות..."

אָבער וויסן זאָלסטו אַז "צניעות" איז זייער אַ שיינע זאַך, גיין אָנגעטון איידל און שיין איז די שענסטע זאַך; בעט איך דיר זייער זאָלסט מקפיד זיין אויף דעם, זאָלסט שעצן דיין ווייב מיט איר צניעות און איר געבן גוטע ווערטער.

איך זאָג דיר אַז דו ווערסט נאָך לאַכן פון דיר אַליינס; ווען עס וועט אַריבערגיין אַפּאָר יאָר, מען ווערט אַביסל עלטער, דעמאָלט וועסטו איינזען וואָס איך שרייב דיר און וואָס איך זאָג דיר שטענדיג, דעמאָלט וועסטו אָפּשאַצן דאָס ווערד פון אַ ערליכע פרוי וואָס טוט זיך אָן איידל און שיין און בויט אַ וואַרימע שטוב פאַר אירע קינדער.

טייערער ... נרו יאיר, וויפיל אינגעלייט וויינען צו מיר אַז זייער ווייב טוט זיך אָן נישט צניעות'דיג; זיי זענען זיך מודה אַז עס איז זייער שולד, ווייל זיי פלעגן לאַכן און שפעטן נאָך די חתונה פון צניעות, צוביסלעך איז עס אַריין אין איר און היינט האָט זי נישט קיין געפיל צו גאָרנישט.

איך בעט דיר זייער, שטאַרק דיין ווייב זי זאָל נישט אויסטון איר לבוש ווי איר מאַמע גייט און זי זאָל אָנטון די קינדער ווי אַזוי די הלכה איז; פון די דריי יאָר זאָלסטו זיי אָנטון נאָר טייץ סיי אין שטוב און סיי אין סקול, טו אָן דיינע טעכטער מיט שיינע לאַנגע קליידער, זינג זיי און זאָג זיי: "אַ מחי' צניעות, אַ מחי' צניעות, אַ מחי' - לייג אַריין איר נאָמען - איז צניעות'דיג"; זינג זיי דעם ניגון וואָס מען זינגט אין סקול יעדן טאָג - וועסטו זען נחת.

מען געבט זיך איין דריי, די קינדער וואַקסן אונטער און זיי שפירן וואָס די עלטערן ווילן; אַז די עלטערן לאַכן זיך אויס, מען טוט אָן לויט די תקנות המוסד אָבער מען לאַכט דערפון, ווען עס איז נישט דאָ קיין סקול, זונטאָג וכדומה - איז מען נישט מקפיד ווי אַזוי זיי גייען אָנגעטון, דעמאָלט פאַרשטייען די קינדער אַז אידישקייט איז אַ שפיל, צניעות איז אַ שפיל, וכו', וועלן זיי זיך אָנטון פריצות'דיג, וואָס וועסטו דעמאָלט טון?

איך בעט דיר, דו האָסט אַ טייערע ווייב, באמת אַן אשת חיל, און דו ביסט אַ טייערער אינגערמאַן, ביסט פשוט פאַרעקלט פון צניעות, פון דיין משפחה וכו'. זאָלסטו זיך אויסליידיגן דיין קאָפּ; טו וואָס רבי נתן האָט געטון, ווען ער איז מקורב געוואָרן צום רבי'ן האָט ער געזאָגט: "איך האָב אויסגעלערט מיין קאָפּ, און יעדעס וואָרט וואָס דער רבי האָט געזאָגט איז מיר געווען נאָך אַ שטיק שכל".

בעט איך דיר מיין ליבער טייערער תלמיד ..., פון היינט קוק אויף צניעות ווי שיין דאָס איז, וועסטו זוכה זיין צו די ברכה וואָס די הייליגע חכמים זאָגן (מגילה יג:) אַז ווען אַ פרוי איז צניעות'דיג, זי גייט אָנגעטון איידל, רייך און שיין, וועט זי זוכה זיין אַז עס וועלן אַרויסקומען פון איר מלכים, קעניגן; און צו די ברכה וואָס דער רבי זאָגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): "הצניעות שבאשה מזכה לה לבנים הגונים", אַ פרוי וואָס פירט זיך בצניעות וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

איך האָף אַז דו וועסט אָננעמען מיינע ווערטער; איך האָב דאָך קיין אינטערעסע אין דעם, איין אינטערעסע האָב איך, צו זען אין יאָרן אַרום נחת פון דיינע קינדער און אייניקלעך.

דו מעגסט ווייזן דעם בריוו פאַר אַלע תלמידים; איך בין זיכער אַז עס זענען דאָ נאָך וואָס האָבן דעם פּראָבלעם, זיי עקלען זיך פון דאָס וואָרט "צניעות", ווען באמת איז דאָס שיין און דער יסוד פון אַ אידישע פרוי.

(עצתו אמונה וירא תש"פ)

>>>>>>

מען גיין צו אַ צדיק, צו באַקומען די התחזקות און שטאַרקייט אַז מען זאָל קיינמאָל נישט אויפגעבן נאָר שטענדיג זאָל מען זיך שטאַרקן צו בעטן דעם אייבערשטן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

דער צדיק האָט שוין אַזוי סאַך גערעדט צום אייבערשטן אַז ער איז שוין געוואָרן איין שטיק תפלה, אַזוי ווי דוד המלך האָט געזאָגט אויף זיך (תהלים קט, ד) "ואני תפלה". דער צדיק האָט שוין פאַרברענגט אַזויפיל טעג און יאָרן צו רעדן צום אייבערשטן, אַז דאָס איז שוין געוואָרן ווי זיין נאַטור, און דעריבער האָט ער די כוחות זיך קענען דערהאַלטן אין יעדן שווערן מצב, און ער קען אויך מחזק זיין און שטאַרקן יעדן איינעם אַז מען זאָל קיינמאָל נישט נאָכלאָזן פון תפלה.

די גמרא דערציילט (ברכות י.) אַז ישעיהו הנביא איז געקומען מבקר חולה זיין חזקיהו המלך ווען ער איז געווען קראַנק און ער האָט אים געזאָגט נביאות אַז ער זאָל לאָזן צוואה ווייל ער גייט שטאַרבן פון די קרענק. חזקיהו המלך האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן, ער איז בכלל נישט נתפעל געוואָרן, נאָר ער האָט געזאָגט פאַר'ן נביא: "ענדיגט צו דיין נביאות און גיי אַרויס פון דאַ. איך האָב מקובל פון מיין זיידן דוד המלך אַז אפילו ווען עס ליגט שוין אַ שאַרפע שווערד אויפ'ן האַלז פון אַ מענטש, זאָל ער זיך אויך נישט מייאש זיין, נאָר ער זאָל ווייטער בעטן דעם אייבערשטן". און אַזוי איז טאַקע געווען, חזקיהו המלך האָט זיך אויסגעדרייט צום וואַנט און געבעטן דעם אייבערשטן, און ער איז געבליבן לעבן.

טאַקע דערפאַר ווייל חזקיהו המלך האָט זיך געהאַלטן מיט די לימודים און עצות פון זיין זיידן דוד המלך, האָט דאָס אים געהאָלפן אַז ער האָט געהאַט די שטאַרקייט נישט אויפצוגעבן. אפילו ווען ער האָט געהערט אַ נבואה פונעם אייבערשטן אַז ער גייט שטאַרבן, האָט ער נאָכאַלץ נישט אויפגעהערט צו בעטן דעם אייבערשטן. דער כח קען מען נאָר באַקומען ווען מען הערט זיך צו צו די עצות פונעם צדיק.

ווען אַ מענטש איז אַן אויבער-חכם און ער קלערט אַז ער וועט זיך קענען אַליין אַן עצה געבן אָן די עצות פון צדיק, איז דאָס זייער נאַריש, ער וועט אין ערגעץ נישט אָנקומען, און ער וועט נישט קענען מצליח זיין אויף דער וועלט.

מוהרא"ש האָט געזאָגט אויף דעם אַ משל אַז אַ סוחר איז אַמאָל געפאָרן פאַר געשעפטן צו אַ ווייטע לאַנד, דער לאַנד איז אים געווען זייער פרעמד, ער האָט נישט געקענט דעם פלאַץ, ער האָט נישט געקענט די מענטשן, און ער ניטאָמאָל געקענט די שפּראַך. ער דרייט זיך דאָרט אַרום אינגאַנצן פאַרלוירן, ער ווייסט נישט ווי אַזוי אָנצוהויבן צו פירן דאָרט געשעפטן, און פלוצלינג טרעפט ער אַ היימישן מענטש וואָס קען זיין שפּראַך און ער קען זיך אויך אויס אין יענע לאַנד, און יענער הויבט אים אָן אויסצולערנען ווי אַזוי מען גייט זיך אום אין יענע לאַנד, ער ווייזט אים צו וואו מען קען גיין עסן און שלאָפן, וואו מען קען פירן גוטע געשעפטן און זיך איינהאַנדלען פיינע סחורה פאַר ביליג, און וואו מען זאָל נישט גיין האַנדלען ווייל דאָרט וועט מען ווערן גוט אָפּגענאַרט.

דער סוחר דאַרף דאָך טאַנצן פאַר שמחה אַז ער האָט געטראָפן איינעם וואָס העלפט אים אַרויס און ווייזט אים די ריכטיגע וועג און שפּאָרט אים איין אַזויפיל אַרבעט. אויב אָבער האָט דער סוחר נישט קיין שכל, וועט ער זיין אַן אויבער-חכם, ער וועט זיך נישט צוהערן צו יענעם, און דאַן איז זייער מעגליך אַז ער וועט זייער שטאַרק דורכפאַלן אין זיין מיסיע.

די זעלבע זאַך איז מיט די נשמה פון אַ איד וואָס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט און ווייסט נישט וואָס ער האָט דאָ צו טון, ווי אַזוי געבט מען זיך דאָ אַן עצה? וואָס איז יאָ גוט צו טון און וואָס איז נישט גוט צו טון? און עס קומט אַ צדיק וואָס געבט אים גוטע עצות ווי אַזוי דורכצוגיין דעם לעבן אויף דער וועלט אויפ'ן שענסטן אופן, אַז ער זאָל מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות, ער זאָל האָבן אַ זיסע גוטע לעבן אויף די וועלט, און אויך נאָכדעם זאָל ער אָנקומען וואו ער דאַרף אָנקומען אויף יענע וועלט, דאַרף דאָך דער מענטש זיין אַ גרויסער טיפּש אויב ער וויל זיך נישט צוהערן און פאָלגן דעם צדיק.

דער הייליגער בעל התניא זי"ע האָט אַמאָל אַריינגערופן זיין אייניקל דער הייליגער צמח צדק זי"ע, וואָס האָט געהאַלטן גלייך נאָך זיין חתונה, און אים געפרעגט וואָס ער האָט געטון מיט די געלט וואָס ער האָט באַקומען אויף נדן. דער אייניקל האָט געענטפערט אַז ער האָט עס איינגעשטעקט ביי אַ געוויסן עושר אין וויטעבסק אַז יענער זאָל מאַכן דערמיט געשעפטן, און דער עושר וועט אים אַראָפּגעבן פּראָצענטן פון די פאַרדינסטן. דער בעל התניא האָט אים געזאָגט: "גיי נעם צוריק דאָס געלט און לייג עס אַריין אין די פושקע" און ער האָט אים געוויזן אויף די "רבי מאיר בעל הנס" פושקע וואָס איז געליגן אויפ'ן טיש...

דער אייניקל האָט געקלערט אַז דער זיידע וויל אַוועקגעבן זיין גאַנצע געלט פאַר צדקה, עס איז אים געווען זייער שווער דאָס צו פאָלגן, און ער איז זיך געגאַנגען ווייטער אויף זיין וועג.

עס איז נישט אַריבער געגאַנגען קיין לאַנגע צייט און די ווייב פונעם צמח צדק איז געקומען פון וויטעבסק און געוויינט פאַר איר מאַן און פאַר'ן זיידן אַז דער עושר פון וויטעבסק האָט אָנגעזעצט, ער איז געגאַנגען באַנקראָט, און עס איז גאָרנישט געבליבן פון די גאַנצע געלט.

<<<<<<

>>>>>>

דַאן הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אֲפִילוּ מַיינֶע קִינְדֶער וִוילְן מִיר נִישְׁט פָּאלְגְן? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בֵּיי מַיין רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, הָאבְּן מִיר אִים גֶעפָּאלְגְט אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְפָארְן אִין וֶועג אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין פְרַאגֶעס, נָאר מִיר הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג".

אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלָאזְן אִין וֶועג, אוּן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט וואוּ צוּ פָארְן. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין שְׁאֵלוֹת, נָאר זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי רַייזֶע צוּם אוּמְבַּאקַאנְטְן צִיל.

נָאכְ'ן פָארְן אַ פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער הָאבְּן זִיךְ דִי פֶערְד גֶעדַארְפְט אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל אוּן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם אָרְטִיגְן קְרֶעטְשְׁמֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי פֶערְד זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנֶען זוּכְן אוֹיבּ עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אַ אִיד אִינֶעם דָארְף. זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז עֶס וואוֹינְט אֵיין אִיד אִינֶעם דָארְף אוּן זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנֶען צוּ אִים.

דֶער אִיד הָאט זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ נָאךְ אִידְן אִין דָארְף אָדֶער אִין דִי אוּמְגֶעגְנְט. דֶער אִיד זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִיד אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט, דֶער נֶענְטְסְטֶער שׁוּל אִיז דְרַייסִיג פֶערְצִיג קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּנֶעם דָארְף. אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט פֵּיין פַּרְנָסָה אִינֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלֶע יָארְן, ווִיל עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק צִיעֶן פוּן דָארְט.

דִי חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט תְּמִימוּת: "וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז אַ אִיד זָאל וואוֹינֶען אַלֵיינְס אִין אַ דָארְף אוּן עֶס זָאל דוּרְכְגֵיין אַ גַאנְצֶע יָאר אָן קַיין שׁוּל, אָן קַיין קַדִישׁ, קְדוּשָׁה, אוּן בָּרְכוּ? אָן צוּ זֶען אַ אִיד פַאר דִי אוֹיגְן?"

זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן דֶעם אִיד אוּן זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קְרֶעטְשְׁמֶע צוּ זֶען אוֹיבּ דִי פֶערְד זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער, זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער. וֶוען זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן זֶענֶען זֵיי נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם אִיד'ס הוֹיז, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד לָאדֶענְט אַרוֹיף זַיין גַאנְצֶע הָאבּ אוּן גוּטְס אוֹיף וֶועגֶענֶער אוּן עֶר גְרֵייט זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן פוּן דָארְף צוּ גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט צְוִוישְׁן אִידְן...

דַאן הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זֵייעֶר רֶבִּי הָאט זֵיי אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דֶעם אִיד הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעטוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

אוּן דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אוּן גֶעזָאגְט צוּ זַיין אֵיינִיקְל: "קוּק וִוי מִיר הָאבְּן גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט אוּנְזֶער רֶבִּי'ן אָן צוּ פְרֶעגְן קַיין שׁוּם שְׁאֵלוֹת, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט זוֹכֶה אַז מַיין אֵיינִיקְל זָאל מִיר פָאלְגְן"...

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוֹיף דֶעם לַאנְגְן אוּן שְׁוֶוערְן וֶועג אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים אוֹיס, וֶועט אִים זַיין וואוֹיל אוּן לִיכְטִיג אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ צַדִּיק)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען מִיר אָנְקוּקְן נָאכְ'ן זִיךְ גֶט'ן צְוֵויי מָאל?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינְמָאל גֶע'גֶט אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט צְוֵויי קִינְדֶער צוּזַאמֶען. לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער מַצָּב בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר, דִי קִינְדֶער וָואס מַיין וַוייבּ הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן זִי אִיז נָאר גֶעשְׁטַאנֶען מִיט זֵיי אַקֶעגְן מִיר, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַנֶערְקֶענְט גֶעוָוארְן אַלְס טַאטֶע אִין שְׁטוּבּ, נָאר אַלְס אֵיינֶער וָואס דַארְף בְּרֶענְגֶען גֶעלְט. אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר זִיךְ יֶעצְט צֶעטֵיילְט, אוּן מִיר גֵייעֶן זִיךְ גֶט'ן בְּקָרוֹב.

מֶענְטְשְׁן קוּקְן מִיר אָן וִוי אַ לֹא יוּצְלַח, עֶר גֵייט זִיךְ שׁוֹין גֶט'ן צוּם צְוֵוייטְן מָאל, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, כָאטְשׁ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין מוּשְׁלָם, שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ בִּין פָּשׁוּט אַרַיינְגֶעפַאלְן צְוֵויי מָאל.

אוּן יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען אִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה; דִי צְוֵויי קִינְדֶער זֶענֶען בַּיי מִיר, אוּן וֶוער וֶועט מִיר יֶעצְט וֶועלְן נֶעמֶען נָאכְ'ן זִיךְ גֶט'ן צְוֵויי מָאל, אוּן נָאךְ מִיט צְוֵויי קִינְדֶער? אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שִׂמְחָה, אוּן אוֹיבּ וֶועט זַיין שְׁוֶועריקֵייטְן זָאלְן מִיר עֶס דוּרְכְגֵיין צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט קַיין פְּרָטִים וְכוּ'; בִּפְרַט וֶוען דוּ הַאלְסְט נָאךְ פַארְ'ן גֶט, אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וַוייל "זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען עֶלְטֶערְן גֶט'ן זִיךְ; דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶלְטֶערְן קֶענֶען טוּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיז זִיךְ גֶט'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה", בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ; וַוייל אוֹיבּ מֶען גֶט זִיךְ לַיידְן דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצְן יָאר וָואס אִיךְ בִּין עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז רוֹב פְּרָאבְּלֶעמֶען מַאכְן זִיךְ בַּיי קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶט'עֶ שְׁטִיבֶּער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין צ:): "כָּל הַמְּגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ גֶט'ן זִיךְ וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ. פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: פַארְוָואס וֵויינְט דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא אַסַךְ כֵּלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; פַארְוָואס וֵויינְט נִישְׁט דֶער שֻׁלְחָן, דֶער מְנוֹרָה, דֶער אָרוֹן, וָואס עֶפֶּעס דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? נָאר דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינְט, וִוי צוּ זָאגְן: "מֶען אִיז שׁוֹין מַקְרִיב אוֹיף מִיר גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען נָאךְ קָרְבָּנוֹת...".

דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן קוּקְן דִיר אָן אוּן וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן; וָואס אַרְט דִיר וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן? דוּ דַארְפְסְט טְרַאכְטְן מֶער פוּן דִי קִינְדֶער וִוי טְרַאכְטְן וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן.

זֵיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אַרוֹיס אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט וִויסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; זָאג אִים דַיין וֵוייטָאג, בֶּעט אִים: "**'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן**", אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זִיכֶער אַ גוּטֶע עֵצָה, מֶען זָאל אַסַךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער דַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "**וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ**", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח): "דִי וֶוערְטֶער דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ תְּפִלָּה", וַוייל דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, אוּן מֶען דַארְף אַסַךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן**".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תש"פ)

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע**
**נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132




BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעלִיטְן פִילֶע צָרוֹת אוּן בּוּשׁוֹת פוּן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, בִּיז דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט.**

**ריט**

גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפָארְן, אִיז דֶער אַגֶענְט פוּן דִי שִׁיפְן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אִים גֶעוִויזְן בְּרִיוו פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים פוּנֶעם דוֹר וָואס הָאבְּן אִים גֶעשִׁיקְט בֶּעטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי אִידְן וָואס פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶער מֶענְטְשׁ דָארְט בַּיי דִי שָׂרֵי הַמְלוּכָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "אִיר זָאלְט גוּט וִויסְן אַז אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר אוֹיסְזָאגְן וֶוער אִיר זֶענְט, פוּן וֶועלְכֶע מִשְׁפָּחָה אִיר קוּמְט, אִיז גוּט. אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, קֶען אִיךְ אַייךְ מַאכְן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע צָרוֹת, עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין גֶעלְט פַאר שׁוֹחַד, אוּן נִישְׁט נָאר וָואס אִיר וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר אִיר וֶועט נָאךְ גֵיין זִיצְן אִין תְּפִיסָה". אוּן אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוָוארְנְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר אִים גְלַייךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, אַז זַיין נָאמֶען אִיז רֶבִּי נַחְמָן, אוּן אַז עֶר אִיז אַן אֵייניקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶעְנְקֶער זי"ע. וֶוען דֶער אַגֶענְט הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיק גֶעצוֹיגְן אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

צוּמָארְגְנְס אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן מִיט הַכְנָעָה אוּן לִיבְשַׁאפְט, "רֶבִּי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ! אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אִיךְ וֶועל אַייךְ טוּן אַלֶע טוֹבוֹת, אוּן אִיר זָאלְט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּן הִימְל אוֹיף דֶעם וָואס אִיר הָאט מִיר אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת וֶוער אִיר זֶענְט, וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואלְט אִיךְ אַייךְ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טוּרְמֶע, אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אוֹיף בֵּיידֶע וֶועלְטְן. יֶעצְט בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט מִיר לָאזְן אַייךְ הֶעלְפְן מִיט וָואס סְ'פֶעלְט נָאר אוֹיס, סֵיי מִיטְ'ן דִינְגֶען אַ פְּלַאץ אוֹיפְ'ן שִׁיף, אוּן סֵיי מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן, וַוייל אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ בַּאדִינֶען אוּן הֶעלְפְן מִיט סֵיי וָואס אִיר דַארְפְט נָאר".

**רכ**

אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער אַגֶענְט וִוידֶער גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז סְ'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ שִׁיף מִיט אִידְן פוּן חוּץ לָאָרֶץ, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיט זִיךְ אוֹיךְ אַ גוּטֶער שׁוֹחֵט.

דָארְט אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי"ע, פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, אוּן נָאךְ חָשׁוּבֶע אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן וֶוער עֶר אִיז, אוּן ר' יִצְחָק הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת.

דֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף זי"ע הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן עֶר וֶועט אִים שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען אַיינְצוּשְׁטֵיין בַּיי אִים. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז אִים גוּט צוּ זַיין וואו עֶר אִיז יֶעצְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן דָארְט אִין אִיסְטַאנְבּוּל אַלֶע סָארְט קַטְנוּת'דִיגֶע זַאכְן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בָּארְוֶועס אָן שִׁיךְ אוּן אָן אַ גַארְטְל אוּן הוּט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן נָאר מִיט אַן אוּנְטֶערְשְׁלַאק וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן עֶפֶּעס אַן אָנְצוּג, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס וִוי יוּנְגַאטְשֶׁעס וָואס לוֹיפְן אַרוּם אוּן שְׁפִּילְן אוֹיפְ'ן גַאס. עֶר הָאט גֶעפִירְט שְׁפִּיל-מִלְחָמוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט צְוֵויי גְרוּפֶּעס, אֵיינְס הָאט זִיךְ גֶערוּפְן פְרַאנְקְרֵייךְ אוּן דִי אַנְדֶערֶע אוֹיפְ'ן נָאמֶען פוּן אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁפִּילְט וִוי אַן עֶכְטֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן זִיךְ. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט דָארְט מִיט גְרוֹיס קַטְנוּת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**בארא פארק - מו"ה הערשי (ב"ר דניאל) בוים הי"ו**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
**קידוש בביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב 1011 41 St.**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# טאנץ מיט אמונה #4 קומט ארויס בקרוב

עס איז אונז א פרייד צו לאזן וויסן פאר'ן חשוב'ן ציבור, אז די ארבעט אויפ'ן לאנג ערווארטעטער אלבום, דער פערטער אין דער סעריע פון "טאנץ מיט אמונה", גייט אן אין פולן שוואונג, און עס איז שוין בעז"ה אויפ'ן וועג ארויסצוקומען בקרוב.

טראץ דעם וואס אין די פריערדיגע אלבומס זענען אויך ארייגעלייגט געווארן גאר גרויסע כחות, סיי אין די מוזיק, סיי אין די ניגונים, און סיי אין די אינהאלט, איז אבער ביי דעם נייעם אלבום ארייגעלייגט געווארן נאך פיל מער כחות.

מען האט ב"ה באוויזן צוזאם צושלעפן די בעסטע מוזיקאנטן אין די אידישע מארקעט פון אמעריקע און ארץ ישראל, עס וועט זינגען דערויף א הערליכע כאר, אזוי אויך ווערן צוגעגרייט הערליכע ניגונים, ועל כולם א גאר גאר רייכע תוכן פון ניגונים, וואס וועקן אויף א מענטש זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטן, בלאזן אריין א חיות אין אידישע קינדער, און געבן אריין א ליבשאפט צום אייבערשטן און זיין תורה.

די פריערדיגע אלבומס אין די סעריע זענען גאר שטארק אויפגעכאפט געווארן ביים היימישן ציבור, די ניגונים זענען פול מיט אמונה און יראת שמים, חיזוק אויף אידישקייט, וואס יעדער טאטע מאמע וויל אז זייערע קינדער זאלן אויפוואקסן דערמיט; און די מפיצים זאגן אז יעדער בעט און וויל האבן די מוזיק אלבומס פונעם ראש ישיבה שליט"א, און ווארטן שוין קוים אויף א פרישער אלבום.

ווארט מיט שפאנונג אויפ'ן נייעם אלבום וואס קומט ארויס אי"ה אין די נאנטע טעג.

**שירו לה' שיר חדש!**

***

# מ'דערנענטערט זיך שוין צום "שבת התוועדות - סיום הש"ס"

אנשי שלומינו חסידי ברסלב היכל הקודש גרייטן זיך מיט גרויס שמחה צום גרויסן "שבת התוועדות - סיום הש"ס", דעם קומענדיגן שבת קודש פרשת ויגש הבעל"ט, וואס וועט בעזרת השם יתברך געפראוועט ווערן אינעם שיינעם "קראון פלאזא האטעל", אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

ביי יעדן אינגערמאן מאנשי שלומינו איז א פשוטע זאך אז איינע פון די ערשטע שיעורים איז צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא. מוהרא"ש פלעגט כסדר נאכזאגן פון ספר ווי העמודים אז "א בלאט גמרא א טאג איז א חיוב אויף א מענטש ווי הנחת תפילין". איי דו האסט נישט קיין קאפ? דו האסט טירדות? דיין חבורתא קומט נישט? נעם דיר דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן און זאג די הייליגע ווערטער פון די גמרא, אזוי וועסטו זוכה זיין צו ענדיגן גאנץ ש"ס און גלייכצייטיג דורכגיין כל התורה כולה.

פאר זיבן יאר צוריק זענען געווען פילע אינגעלייט און בחורים וואס האבן זיך צוגעהערט וואס מוהרא"ש זאגט, און טאג איין טאג אויס האבן זיי זיך נישט געלייגט שלאפן איידערן לערנען א בלאט גמרא. יעצט נאכ'ן הארעווען זיבן יאר, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, וועלן זיי יעצט זוכה זיין זיך צו פרייען מיט דעם גרויסן שמחת התורה, צו ענדיגן כל הש"ס כולה.

צו דעם גרויסן געלעגנהייט האט מען אפגעדינגען דעם גאנצן האטעל מיט אלע צימערן, וואו אלע תלמידי היכל הקודש וועלן ארויסקומען מיט זייערע משפחות און פארברענגען דעם גאנצן שבת קודש מיט א רייכער פראגראם. די אלע וואס האבן שוין מיטגעהאלטן אמאל א שבת התוועדות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ווייסן די געשמאק דערפון; אזא הערליכע שבת איז ממש מעין עולם הבא.

**דער ראש ישיבה שליט"א איז שטארק מעורר אנשי שלומינו מיטצוהאלטן דעם גרויסן שבת, וואס דאס וועט גלייכצייטיג זיין א געוואלדיגע לימוד פאר די קינדער. אין א בריוו די וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א צו די תלמידים: "ברענג מיט דיינע קינדער צום שבת; דער עיקר איז דאך פאר די קינדער זיי זאלן זען צו וואס מען קען זוכה זיין אז מען פאלגט דעם רבי'ן און מען לערנט יעדן טאג תורה. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ביצה טז.): "כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים", ראש השנה שרייבט מען אפ וויפיל געלט דער מענטש וועט האבן דעם יאר, "חוץ מהוצאת שבתות, והוצאת ימים טובים", חוץ וואס א מענטש דארף האבן פאר שבת און יום טוב, "והוצאת בניו לתלמוד תורה", און חוץ וואס מען געבט אויס פאר די קינדער זיי זאלן לערנען תורה, דאס ווענדט זיך שוין אינעם מענטש אליינס, "שאם פחת פוחתין לו, ואם הוסיף מוסיפין לו", אויב שפארט מען וועט מען באקומען ווייניגער און אויב געבט מען אויס געלט וועט מען אים מוסיף זיין, דעם "שבת התוועדות תלמידי היכל הקודש - שבת סיום הש"ס" איז אינעם כלל פון "הוצאת בניו לתלמוד תורה". וואו מען וועט פייערן א "שבת התוועדות תלמידי היכל הקודש", און "שבת סיום הש"ס", אז מיר האבן זוכה געווען צו לערנען און ענדיגן גאנץ ש"ס; דאס וועט אריינגיין אין די קינדער אז זיי זאלן אנהייבן לערנען ש"ס".**

געציילטע צימערן זענען נאך עוועליבעל, און ווער ס'האט זיך נאכנישט געמאלדן ווערט געבעטן צו רעזערווירן א צימער ווי שנעלער, ביי די חשובע אינגעלייט וואס געבן זיך אפ מיט די הכנות צו דעם געהויבענעם שבת, וכל הקודם זכה.

**בארא פארק** - ר' אלי' קנאלל 718-506-4341. **וויליאמסבורג** - ר' ליפא שווארץ 917-541-1197.
**מאנסי** - ר' ברוך יאקאבאוויטש 917-789-3095. **קרית יואל** - ר' יואל שניטצלער 845-248-8044.
**השבת נועם הנשמות!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **הערשי** (ב"ר דניאל) **בוים** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **נחמן ניישטיין** הי"ו
מלמד מומחה במוסדותינו הק'
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **שמעון** נ"י

## כ'וויל אלעס אפלאזן

**איך האב מער נישט קיין כח צו מיין לעבן, אלעס גייט פארקערט ווי איך וויל, יעדער מאכט מיר צרות, וואו קען איך אנטלויפן?**
**הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא אויף:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**2, 1, 6, 1, 28**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**